בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת ויקרא

שנת תשפ"ג לפ"ק


נלקט משיעוריו של

הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א

רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל



הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת ויקרא

**בעהש"ית** אונז האב'מיר דאך פר' ויקרא, ויקרא האט א א' זעירא, א' זעירא איז א קליינע א', לאמיר מקדים זיין "ויקרא" לאמיר זעהן די גמטריה פון דיווארט "ויקרא" האט עס א ק' מיט א ר' מיט א י', ש"י - שי נאכדעם איז דא א ו' מיט קליינע א', קען מען זאגן א רמז ס'שטייט "עשה הקב"ה ... צדיק וצדיק ש"י עולמות" זאגט ער אזוי: ויקרא האט א ו' ו' איז יסוד. חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד, יסוד איז די זעקסטע מדה, א איד וויל וויסן וואס די יסוד צוצוקומען צו ש"י עולמות - איז די איבריגע אותיות אן די א', נאכאמאל ו' איז יסוד, נאך די ו' איז דא י' ק' ר', ק' איז 100 ר' איז 200 י' איז 10 צוזאמען 200 מיט 100 איז 300 מיט נאך 10 איז ש, איז 300, די יסוד צוקומען צו ש"י עולמות דאס איז דורכן זיין א צדיק, וואס שטייט נאכדעם? א' זעירא! א' זעירא איז מרמז אות א' איז מרמז אויף די ענין פון זיין א הולך, פארוואס? ווייל די צורה פון די אות א' איז א הולך! טרעפן לויט די צורה פון די אות ס'האט 2 פיס פון הינטן און נאכדעם גייט עס.

**ס'ווערט** געברענגט פון קדמונים אז ס'איז דא צורת האותיות למשל די אות ל' די בעכסטע אות איז מרמז אויפן אייבערשטן לויט געוויסע קדמונים, יעדער אות האט זיך זיין צורה און ס'איז דא כוונות אין יעדע צורה. על כל פנים די אות א', מ'הייבט אן די א' ב' מיט די אות א' ווייל מ'דארף וויסן א איד א עובד ה' דארף קענען זיין א הולך ממדרגה למדרגה און נישט בלייבן אויף איין פלאץ, נאר זיין א הולך.

**וואס** הולך מיינט מיט אנדערע ווערטער א עולה, און ס'איז דא א יורד, כדי צו זיין א הולך דארף מען זיין די בחינה פון א' זעירה, א מענטש וואס האלט זיך גרויס ער וויל קיינמאל נישט גיין ווייטער - ער איז צופרידן, כדי צו זיין א הולך ממדרגה

למדרגה און זיך נישט אפשטעלן דעמאלטס דארף מען זיין בחינת הולך.

**פארוואס** קען מען נישט זיין קיין עומד? ווייל מלאכים זענען עומדים! מלאכים שטייען אויף איין פלאץ, זיי קומען אויף די וועלט פאר איין תכלית, יעדער מלאך האט זיך זיין תכלית, למשל ס'איז דא מלאכים וואס קומען זאגן איין מאל "קדוש קדוש קדוש" און ווערן פארברענט, דאס מיינט א מלאך איז א עומד, אנדערע מלאכים האבן זייער תפקיד, ס'איז דא 2 מלאכים וואס באגלייטן א איד ווען ער קומט אהיים פרייטיג צונאכטס, אן א שעור תפקידים וואס מלאכים האבן, אבער א מענטש זאל זיין א עולה בעבודת ה' דארף ער זיין א' זעירה, ער האט נאך גארנישט אויפגעטוהן אבער גייסט ממדרגה למדרגה.

**און** א יורד וויל מען דאך נישט זיין, א הולך וויל מען זיין הולך ממדרגה למדרגה, אבער א יורד וויל מען דאך נישט זיין, און א עומד קען מען נישט זיין, א מענטש קען זיין אדער א הולך אדער א יורד דארף מען אויסוועלן די מהלך פון זיין א הולך און א עולה בעבודת ה'. ארויפצוגיין בסולם העולה בת קל דארף מען קענען זיין א הולך - דאס קומט מען צו דורך די א' זעירה וואס איז ענוה. און דאס איז די ענין פון ענוה א איד האלט זיך פאר א ענו אטאמאטיש באקומט ער זיין צו א הולך און ער וועט נישט וועלן קיין יורד ווייל ער האלט זיך אז ער האט גארנישט אויפגעטוהן אויף די וועלט, וועט ער זיין א בחינת הולך. דאס איז די ויקרא.

**נאכאמאל** ו' איז די יסוד, די איבריגע איז ש"י, די לעצטע איז די א' זעירה, כדי צו צוקומען צו ש"י עולמות עתיד הקב"ה להנחיל כל צדיק וצדיק ש"י עולמות, א צדיק איז אלעמאל בחינת עולמות אונצוקומען צו דעם איז דורך א' זעירה.

**יא,** די אות צ' איז טאקע גמטריא 90, 90 האט א 9 מיט א 0, די אפס איז בבחינת ער האלט זיך פאר א אפס ואין, און 9 איז מרמז אויף אמת, ווייל אמת גמטריא קטן איז גמטריה 9, ס'איז דא א רמז אז די מספר 9 וויפל מאל מ'דאפלט עס מ'דריטלט עס בלייבט עס אלס די מספר 9, למשל די מספר 9 מ'וועט מאכן 2 מאל 9 קומט עס אויס 27 3 מאל 9 = 36 2+7=9 6 מיט 3 איז 9, לאמיר פראבירן א פערדע זאך 4 מאל 9 וויפל איז 4 מאל 9 = 45 אויך 4 מיט 5 איז ניין 5 מאל 9 איז 54 אויך 4 מיט 5 איז 9, אזוי גייט עס 36, 72, און פ"א, נאכדעם איז 90, על כל פנים די מספר 9 בלייבט אלעמאל די שורש פון די מספר 9. אז א אמתע זאך גייט אלס צוריק צום שורש, די

שורש איז אז א מענטש איז א אפס ואין קען ער שטענדיג זיין א הולך בעבודת ה׳.

**"ראו** כל אפסי ארץ את ישועת אלוקינו" א איד וואס איז בבחינת אפס ואין – אפסי ארץ – ער גייט ארויף ער האלט די ישועת ה׳ און אזא מענטש איז זוכה צו זיין א הולך בעבודת ה׳. יא, צוצוקומען צו א ישועת ה׳ דארף מען זיין בחינת צדיק און בחינת הולך, אזא איינער קען פועל׳ן ישועות פאר זיך אליין פאר אנדערע א.א. וו. עכ"פ "ראו כל אפסי ארץ את ישועת אלוקינו" אזא איינער איז זוכה צו ישועת ה׳.

**עכ"פ** צוריק צום ענין, ויקרא א׳ זעירה האט מען געשמועסט פאר די בחינת ענוה ברענגט ער די בחינה פון צדיק, יעצט וועל׳מיר צוריקגיין א מינוט צו א׳ זעירה, וועט איינער זאגן: "ער האלט זיך קליין האט גארנישט, איינער וואס האלט זיך קליין האט נישט קיין התעוררות אין עבודת ה׳, ער קומט נישט אן קיין ערגעטס.

**אפשר,** "די א׳ זעירה, זעירה האט די אותיות ע׳ י׳ ר׳ די לשון פון התעוררות, מ׳טרעפט אסאך מאל אין חסידישע ספרים ׳עיר׳ די לשון פון התעוררות, מ׳קען אסאך מאל טרעפן אויב ס׳איז דא אין א געוויסע ווארט די אותיות ע׳ מיט ר׳, צו ע׳ י׳ ר׳, י׳ איז אלעמאל לשון התעוררות, ס׳שטייט לשון י׳ מ׳קען טרעפן אין ספרים דארט ווי מ׳רופט עס אן לשון התעוררות. אויך אנדערע ווערטער וואס האבן די ווערטער ע׳ ר׳ טייטש׳מיר אריין די לשון התעוררות. איז א׳ זעירה די א׳ אליין זיך האלטן קליין דאס ברענגט די התעוררות. ז׳ מיט א׳ פון די 2 זייטן איז טאקע אויך ז׳ איז מלכות. יא, מ׳האט פריערט דערמאנט חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות, די זיבעטע מדה, טאקע יא, ז׳ דורך די א׳ דורך די התעוררות ס׳איז א מלכות התעוררות צום באשעפער קומט טאקע דורך די א׳, ז׳ א׳ איז ח׳, ח׳ איז ווייטער מיט די ספירות חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות, און נאך מלכות קומט בינה, און נאכדעם קומט חכמה, עכ"פ בינה איז די אכטע, בינה איז דאך פארשטיין, א מענטש דארף פארשטיין אז אפילו ס׳איז א׳ זעירא – דאס קומט דורך די התעוררות. אבער די א׳ זעירא מ׳האלט זיך מיט א׳ זעירא דאס איז מעורר פארשטיין ווי צו זיין בעבודת ה׳. אז א מענטש האט א יש מען פריערט געשמועסט מ׳פארשטייט נישט וואס מ׳דארף גיין ווייטער, אז מ׳האלט זיך מיט א א׳ זעירא פארשטייט מען אז מ׳דארף זיין ווייטער.

**וועל׳מיר** זאגן נאך א רמז פון א׳ זעירא, ס׳איז דאך יעצט

געוועהן פורים, "ויקר" איז תפילין, "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר" אור איז די תורה, און ויקר איז תפילין. איז אזוי: טרעפט אז תפילין מ'איז מכוון פאר הנחת תפילין לשעבד תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו, באקאנט אז פרשת ויקרא הייבט מען אן לערנען מיט די קליינע קינדער, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, קליינע קינדער זענען תנוקות שלא טעמו טעם חטא הייבט מען אן לערנען הלכות קרבנות דאס קומט אויף טהרת הנפש וואס די כוונות ברענגען נענטער צו עבודת ה'.

**וואס** מ'טרעפט אוואו ס'שטייט "ויקרא" איז אמירה לשון רכה, רש"י זאגט אז לשון שמלאכי השרת משתמשים בו, אמירה איז לשון רכה, דבור לשון קשה, ויקרא לשון חיבה. פארוואס שטייט דא א לשון חיבה? נאר די תרוץ איז אז ווייל מ"לערנט עס מיט קליינע קינדער, יא, מ'מאכט א חומש סעודה דעמאלטס הייבט מען אן צו לערנען מיט די קינדער פרשת ויקרא ביי די 5 יאר אלט פארוואס טאקע? זאגט ער ויקר איז תפילין, אן די א' איז ויקר תפילין.

**יעצט** היות מ'דערמאנט די ענין פון תפילין וואס ס'איז לשעבד תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו איז איינער וואס האט תפילין א בר מצוה בחור האט שוין א יצר טוב קען מען באשאפן פאר איהם א יצר הרע לעבודתו יתברך שמו אז ער זאל נישט נכשל ווערן מיט די יצר הרע, אבער היות אז מ'רעדט דא צו קינדער וואס האבן נישט קיין יצר טוב זיי האבן נאר א יצר הרע וועגן דעם גייט מען ויקרא מלשון חיבה און אנדערע ווערטער ווען ס'קומט צו קליינע קינדער לערנען דארף מען גיין בלשון חבה, מתוך אהבה, זיי האבן דאך א יצר הרע, דו ווילסט זיי זאלן זיך פאלגן? דו ווילסט זיי אריינברענגען אהבת תורה ויראת שמים? דו ווילסט זיי זאלן קענען גוט לערנען? דארף עס זיין דורך "ויקרא" א לשון חבה! אפילו אמירה פון לשון רכה איז שוין נישט גענוג.

**מ'קען** זאגן נאך מער אז דבור לשון קשה וואלט נישט געצויגן ווייל דברים קשים כגידים וועלן די קינדער, מ'רעדט מיט א שארפקייט היינטיגע צייטן וועט די קינד נאר זיך צוריקשלאגן אז מ'גייט מיט לשון קשה. אמירה איז לשון רכה טויג אפשר אויך נישט ווייל ער וועט נישט מקבל זיין, אבער אז מ'גייט בלשון חיבה דאס איז די אופן וואס וועט העלפן פאר קליינע קינדער ביז זיי האבן בר מצוה דעמאלטס האבן זיי די כח פון א יצר טוב, דורך די כח פון ויקר תפילין.

**דאס** איז די א' זעירא קליינע קינדער א' זעירא, אויך אפשר וועגן דעם דארף מען די א' זעירא עכ"פ

אבער אזוי פיל וואס מקרעדט צו קליינע קינדערלעך אזוי דארף מער זיך אויסלערנען צו מחנך זיין אלס נאר מאהבה, מאהבה, גיסן אויף זיי ליבשאפט, אהבת התורה אהבת השם יתברך, אהבה צו אלס יראת שמים דארף אויך זיין מיט אהבה'דיע אופן אזוי דארף מען צוגיין צו חינוך.

**שטייט** ביי מתן תורה שטייט כפה עליהם הר כגיגית, ווערט מבואר וואס איז כפה עליהם הר כגיגית? ווערט מבואר אין ספרים פארוואס טאקע איז געווען כפה עליהם הר כגיגית זיי האבן דאך געזאגט "נעשה ונשמע"? נאר "נעשה ונשמע" איז אויף א צייט ווען ס'גייט אלעס גוט, ווען ס'גייט עפעס נישט גוט דעמאלטס, ווען ס'לערנט זיך נישט אזוי זאלסטו נישט צומאכן די גמרא דעמאלטס דארף מען זיך צווינגען זאל זיין די בחינה "כפה עליהם הר כגיגית". דאס איז אלס פאר בחורים'לעך און יונגעלייט, אבער קינדערלעך, יונגע קינדערלעך קען מען דאך נישט צווינגען. ס'ארבעט זיך שוין נישט זאגט מען היינט, די מומחים און די צדיקי הדור אלע זאגן היינט אז ס'דארף גיין מער מיט אהבה.

**וואו** איז שייך ביי זיי כפיה? די תירוץ איז מאך עס מאך די גמרא די למוד לעבעדיג פאר די אויגן! שטעלטס ענק פאר מ'פארט אויף א היי-וועי, מ'זעהט א בארג, ס'הייבט זיך אין די לופט, ס'איז דא קולות וברקים, ס'גייט א פייער, ס'איז לעבעדיג, לייג זיי עס אראפ פאר די אויגן זיי זאלן זעהן בחוש וואס ס'גייט די למוד התורה, ס'קען זיין מיט בילדער, ס'קען אויך זיין מיט גוט אראפלייגן א סוגיה זיין הרואה את הנשמע. דאס איז די בחינה פון ויקרא א לשון חיבה לשון שמלאכי השרת משתמשים בו.

**טאקע** קינדערלעך קענען דאך נישט זיין א הולך און א יורד, עלטערע אביסל בחורים'לעך און יונגעלייט קענען זיין קינדערלעך דארפן טאקע זיין בחינת מלאך, זיי האבן נאכנישט קיין יצר טוב, קען זיין ס'איז די זעלבע בחינה ס'איז יא דא די בחינה פון מלאך, עכ"פ אויף אזוי ווייט דארף מען גיין בלשון חבה. מ'דארף דורכטוהן דעם ענין קען בחינת נלאך, אבער יעדער מענטש וואס איז א בשר ודם די אייבישטער דארף נישט די עבודה פון די מלאכים וואס זיי זענען אדורך און אדורך גוט, די אייבישטער דארף מלאכים פון פשוטע מענטשעלעך, וואס אמאל פאלט מען דורך און מ'כאפט זיך צוריק און מ'פראבירט די בעסטע מ'קען, מ'דארף נישט זיין אזוי ווי א מלאך.

**שטייט** אין מדרש תנחומא שטייט "טוב זה יצר טוב, טוב מאד

זה יצר הרע" וואס הייסט? די יצר הרע איז טוב מאד -בעסער ווי די יצר טוב? יצר טוב איז נאר טוב יצר הרע איז טוב מאד? די תרוץ איז טוב מאד זה יצר הרע! אז מ'וויל ס'זאל זיין טוב מאד איז שוין א סארט יצר הרע, עבודה פון מלאכים וועט משיח וועט קומען וועט זיין שלמות בעבודה בחינת טוב מאד, אז ס'איז נאר גוט זה יצר טוב דאס איז יצר טוב.

**זאל** די אייבישטער העלפן מ'זאגט דאך אז קליינע קינדער לערנען די יסוד אויף בחינת אהבה, בחינת טהרה, ס'קומט א פסח טאקע י"ג ימי טהרה, טעג וואס מ'רייניגט זיך ונגעל לבבות דאס איז שאור שבעסה שהוא יצר הרע, מ'רייניגט זיך אלע אויף דעם יום טוב פסח, זאגט מען די ענין ביי שריפת חמץ זאגט מען די ענין אזוי ווי מ'איז מבטל די חמץ זאל בטל ווערן די יצר הרע מלבנו, דאס איז אלעס טעג פון הכנה צום יו"ט פסח, מ'דארף זיך מתגבר זיין סיי טהרת הנפש און די הכנה אויף יום טוב אז ס'קומט אראפ תשר"ק באקאנט פון ספרים דורך קערן רייבן און אלע אנדערע ענינים, עכ"פ דאס איז די עבודה פון תשר"ק, ס'קומען אראפ גרויסע מלאכים האבן מיר פריערט געשמועסט די בחינה פון מלאך אז ס'איז דא א תפקיד פאר יעדע מלאך, אז ס'קומען אראפ מלאכים וואס ווערן באשאפן דורך די עבודה וואס אונז קראץ'מיר אונז רייב'מער. ווי אזוי קען זיין ס'ווערט באשאפן א מלאך פון איין רייב וואס מ'רייניגט אויף פסח? ווייל מ'האט שמועסט א מלאך איז א עומד!

**יעדע** קלייניגקייט וואס מ'טוהט ריין פאר פסח איז טהרה, פסח איז א צייט פון טהרה דאס באשאפט מלאכים. אגב פסח איז א צייט וואס מ'דארף טוהן טוב מאד האב'מער פריהערט געשמועסט טוב אז איז מלאכים, פסח איז א צייט וואס מ'טאר נישט נכשל ווערן אפילו מיט א כלשהיא חמץ, חומרות האט מען געזאגט אז חומרות אגאנץ יאר זאל מען נישט טוהן אבער פסח איז אלע חומרות וואס מער מ'איז מחמיר איז בעסער. אחרון של פסח איז א צווייטע נושא וועגן די חומרות. על כל פנים היות פסח איז א זמן פון חומרות ווערט טאקע באשאפן מלאכים א בחינת טוב מאד.

די אייבישטער זאל העלפן מ'זאל האבן די השפעות פון די קשר"ק השפעות וואס קומען דורך די הכנה אויף יו"ט, ברענגען די יו"ט זאל זיין כראוי וכנכון מקבל זין השפעות פון יו"ט אליין זוכה זיין מקבל זיין כימי צאתנו יראנו נפלאות.